# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת מטות מסעי, מברכים חודש אב, כ"ו תמוז, אבות פרק א', שנת תשפ"ו לפ"ק

שנה 15, גליון 40 (759)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................8:10
מוצאי שבת קודש............9:40

**שיעורים כסדרן**

נ"ך...........................יהושע כ"ב
בבלי.........................חולין ע"ב
ירושלמי.........בבא מציעא כ"ו
תוספתא....................סוטה ג'
רמב"ם.................חמץ ומצה ב'

# אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

הֵן הֵנָּה הָיוּ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל בִּדְבַר בִּלְעָם לִמְסָר מַעַל בַּה'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ג) אַז דִי רֵייד פוּן אַ רָשָׁע אַ 'בַּר דַעַת', מַאכְט אַז דֶער וָואס הֶערְט עֶס זָאל טוּן עֲבֵירוֹת. אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּהִיטְן נִישְׁט צוּ הֶערְן ווִי אַ רָשָׁע רֶעדְט, וַוייל דָאס שַׁאדְט זֵייעֶר פַאר דֶעם וָואס הֶערְט עֶס. דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, הֵן הֵנָּה הָיוּ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל "בִּדְבַר" בִּלְעָם, דִי רֵייד וָואס בִּלְעָם הָאט גֶערֶעדְט הָאט גֶעשַׁאדְט פַאר דִי אִידְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן רפ"ב) אַז מֶען דַארְף יֶעדְן מֶענְטְשׁ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ אַ רָשָׁע גָמוּר דַארְף מֶען אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת. ווִידֶער זָאגְט אָבֶער דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן פ"ח) "אֵין מְלַמְּדִין זְכוּת עַל הַמֵּסִית". אַ מֵסִית, אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט אָפּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים טָאר מֶען נִישְׁט דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי מִינֵי רְשָׁעִים, וֶוען אַ רָשָׁע אִיז אַלֵיין דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, קֶען מֶען מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אַז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרַע, אָבֶער וֶוען אַ רָשָׁע רֶעדְט אוֹיךְ צוּ אַ צְוֵוייטְן צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, דֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין לִימּוּד זְכוּת, אוּן פוּן אִים דַארְף מֶען שְׁטֵיין וַוייט.

דֶערְפַאר אוֹיף דִי וֶוערְטֶער "הֵן הֵנָּה" זֶענֶען דָא דִי טְרָאפְּן "אַזְלָא גֵּרֵשׁ", אַז דִי רֵייד פוּן דֶעם רָשָׁע וָואס ווִיל צוּרֶעדְן אַז מֶען זָאל אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער פוּנֶעם צַדִיק, דָאס וֶועט מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִיר, אַז "אַזְלָא גֵּרֵשׁ" אַז דוּ זָאלְסְט אַוֶועקְגֵיין אוּן מֶען זָאל דִיר פַארְטְרַייבְּן פוּן דִי קְדוּשָּׁה, אוּן דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן אִים, אוּן זִיכֶער זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ אִים.

(זֹאת הַתּוֹרָה מַטּוֹת ג')

**וַיִּסְעוּ מִמִּדְבַּר סִינָי וַיַּחֲנוּ בְּקִבְרוֹת הַתַּאֲוָה**, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל מְשׁוּגָע מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל טוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, אִיז נָאר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נָאר דָאס הַרְגְ'ט דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְט אִין אַ מֶענְטְשׁ.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁיעוּר, חֹק וְלֹא יַעֲבֹר, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה זִיכֶער אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק וַיִּסְעוּ מִמִּדְבַּר סִינָי, וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן מִדְבַּר סִינַי, דִי פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה. דָאס מֵיינְט אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וַיַּחֲנוּ בְּקִבְרוֹת הַתַּאֲוָה, קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי תַּאֲווֹת וָואס בַּאגְרָאבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, וַוייל נָאר דִי תּוֹרָה הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

(זֹאת הַתּוֹרָה מַסְעֵי ה')

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## בֵּין הַמְּצָרִים

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי דְרֵיי וָואכְן, דִי טֶעג פוּן 'בֵּין הַמְּצָרִים', וָואס מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דִי הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵלוּת – זֶענֶען טֶעג וָואס מֶען קֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, מֶען מֵיינְט אַז דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען טֶעג פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז פוּנְקְט פַארְקֶערְט, עֶס זֶענֶען טֶעג וָואס מֶען קֶען זִיךְ זֵייעֶר דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַמָאל הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט מוֹהֲרְנַ"ת, מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶס זֶענֶען דָא עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זָאגְן אַז זֵיי הָאבְּן אַ יְרִידָה אִין דִי טֶעג פוּן 'בֵּין הַמְּצָרִים'; הָאט מוֹהֲרְנַ"ת גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים זֶענֶען טֶעג וָואס מֶען קֶען זֵייעֶר נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דוּרְךְ דַאוְוענֶען אוּן טוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים".

עַל כֵּן זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, אוּן אֲפִילוּ מֶען פִירְט זִיךְ בְּדִינֵי אֲבֵלוּת – זָאלְסְטוּ אָבֶער זַיין פְרֵיילִיךְ, זָאלְסְט אַרוּם גֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

<<<<<<

# א גוט ווארט

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אַלֶעס וָואס גֵייט אִיבֶּער, אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן יִסוּרִים – אִיז נָאר וַוייל פוּן הִימְל ווִיל מֶען זֶען צוּ וֶועם דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן בְּעֵת צָרָה, וָואס וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ טוּן? וֶועט עֶר זִיךְ פַארְלִירְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם שֶׁעלְטְן וְכוּ' וְכוּ', אָדֶער וֶועט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן בְּלַייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה; דוּ זָאלְסְט אִים שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן, אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס אִיז עֶר, אוּן אַלֶעס וָואס טוּט פַּאסִירְן – אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז אַלֶעס אִיז נָאר פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ס:): "כָּל מַה דְּעָבֵיד רַחְמָנָא לְטָב עָבֵיד", אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט – אִיז גוּט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשפ"ו)



דער מולד וועט זיין: דינסטאג נאכמיטאג 30 מינוט און 17 חלקים 7 | ראש חודש מנחם אב יהיה ביום הרביעי

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן 'בֵּין הַמְּצָרִים' וֶוען מִיר קְלָאגְן אוֹיפְן חוּרְבַּן הַבַּיִת – דַארְפְן מִיר תְּשׁוּבָה טוּן, מִיר דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן צוּ אָנְהֵייבְן לֶעבְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט הָאבְן קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבְן אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט; וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית כט.), וֶוען דִי מְרַגְּלִים זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל – הָאבְן אַלֶע אִידְן גֶעוֵויינְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: **"אַתֶּם בְּכִיתֶם בְּכִיָּה שֶׁל חִנָּם"**, דֶערְפַאר וָואס עֶנְק הָאבְן גֶעוֵויינְט אוּמְזִיסְט, **"אֲנִי קוֹבֵעַ לָכֶם בְּכִיָּה לְדוֹרוֹת"**, וֶועל אִיךְ בַּאשְׁטִימֶען דֶעם טָאג עֶנְק זָאלְן אַלֶע יָארְן וֵויינֶען, אוּן טַאקֶע דֶעם טָאג, תִּשְׁעָה בְּאָב, זֶענֶען בֵּיידֶע בָּתֵּי מִקְדָּשׁ חָרוּב גֶעוָוארְן.

מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן, מִיר דַארְפְן אוֹיפְהֶערְן זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוּן וֵויינֶען, אוּן אוֹיךְ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס וִוי זַאכְן זֶענֶען שְׁלֶעכְט, עֶס זֶעט אוֹיס גֶעפֶערְלִיךְ – דַארְף מֶען גְלֵייבְן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קֵיין שְׁלֶעכְטְס, אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, וַוייל חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען וֵויינְט, מֶען מֵיינְט אַז פוּן הִימְל וִויל מֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן – דֶעמָאלְט וֶוערְט אַ בְּכִי' לְדוֹרוֹת; מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, דָאס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ טוּן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דִי וֵוייטָאג וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער; דָאס אִיז דִי עֲבוֹדָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מָשִׁיחַ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'מֵשִׂיחַ אִלְּמִים', מָשִׁיחַ וֶועט מַאכְן אַלֶע שְׁטוּמֶע זָאלְן שְׁמוּעֶסְן אוּן דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען רֶעדְט פוּן זִיךְ אָפְּרֶעדְן, דָאס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, 'אָפְּרֶעדְן' אוּן 'אוֹיסְרֶעדְן' זֶענֶען צְוֵויי אַנְדֶערֶע זַאכְן, דָאס אִיז כִּרְחֹק מִזְרָח מִמַּעֲרָב; 'אָפְּרֶעדְן' אִיז 'טוּמְאָה', 'עַצְבוּת' וּ'מָרָה שְׁחוֹרָה', אוּן זִיךְ 'אוֹיסְרֶעדְן' – אִיז 'קְדוּשָׁה'; מִיר דַארְפְן גְלֵייבְן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס קֵיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן אַז זַאכְן טוּעֶן וֵויי – דַארְף מֶען קוּמֶען מִיט תַּחֲנוּנִים בֶּעטְן אַ מַתְּנַת חִנָּם, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְן.

מוֹהֲרַנַ"ת פְלֶעגְט זָאגְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קְרֶעכְצְט, עֶר רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט מֶען אִין הִימְל אַז מֶען וֶועט אִים גֶעבְן נָאךְ מֶער אוֹיף וָואס צוּ קְרֶעכְצְן, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ זָאגְט עֶר: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם", "גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר" וְכוּ' – זָאגְט מֶען אִין הִימְל אַז מֶען וֶועט אִים גֶעבְן נָאךְ מֶער גוּטְס, עֶר זָאל הָאבְן אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְן, אוּן דָאס אִיז וָואס מֶען וֵויינְט עַד הַיּוֹם יֶעדֶע יָאר תִּשְׁעָה בְּאָב, וַוייל מֶען הָאט גֶעקְרֶעכְצְט, מֶען הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

עַל כֵּן זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן נָאר צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַוֶועק נֶעמֶען פוּן אוּנְז דִי טֶעג פוּן 'בֵּין הַמְּצָרִים', עֶר וֶועט אוּנְז גֶעבְן נָאר גוּטְס, פוּן הִימְל וֶועט מֶען זָאגְן: "קוּקְט דֶעם אִיד וָואס הָאט גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט צָרוֹת וְיִסּוּרִים, אוּן דָאךְ דַאנְקְט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאמִיר אִים גֶעבְן נָאךְ גוּטְס"; מוֹהֲרָא"שׁ טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קלו, א): "הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב", דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג שְׁטֶענְדִיג 'כִּי טוֹב', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, דוּרְכְדֶעם וֶועט זַיין "כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ", וֶועסְט שְׁטֶענְדִיג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע חֲסָדִים; וַוייל דוּרְךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶעט מֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, מֶען זֶעט אָפֶענֶע נִיסִים. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

מו. מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב. וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט צוּ זַיין שוּלְדִיג גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַארְן הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "צַהֲלָתוֹ בְּפָנָיו וְאֶבְלוֹ בְּלִבּוֹ", פוּן דְרוֹיסְן זֶענֶען מִיר פְרֵיילִיךְ, אוּן דִי הַארְץ אוּנְזֶערֶע – וֵויינְט, מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן; אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַלֶע צַדִּיקִים, אוּן אַזוֹי הָאבְן זֵיי גֶעלֶערְנְט דִי תַּלְמִידִים, מֶען זָאל שְׁמֵייכְלֶען אוּן זַיין מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע גִיסְטֶע, נָאר שְׁטִילֶערְהֵייט זָאל מֶען עוֹסֵק זַיין אִין קְלָאגְן אוּן וֵויינֶען אוֹיפְן חוּרְבַּן הַבַּיִת.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעצְט אִין דִי דְרֵיי וָואכְן, דִי טֶעג פוּן 'בֵּין הַמְּצָרִים' – דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק זַיין מִיט אֱמוּנָה, צוּ וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְן מִיר. וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לג.): "מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה", וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל - "כְּאִלּוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו", אִיז אַזוֹי וִוי דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז בַּיי אִים נִישְׁט חָרוּב; וָואס מֵיינְט דַּעַת אוּן שֵׂכֶל? דָאס מֵיינְט מֶען דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים ד, לה): "אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ", וַוייל דָאס אִיז דִי חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דָאס וָואס מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וָואס מֶען רֶעדְט זִיךְ נֶעבֶּעךְ אַיין אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָּל; עַל כֵּן דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן גָלוּת, מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ.

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ שְׁטַארְקֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה? דוּרְךְ תְּפִלָּה; דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אוּן דוּרְךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט דִי אֱמוּנָה זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן מֶען וֶוערְט זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן 'בֵּין הַמְּצָרִים' זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין דִי זַאךְ פוּן גֵיין יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, טְרֶעף זִיךְ אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט, בֶּעט אִים אוֹיף רוּחָנִיוּת אוּן אוֹיךְ אוֹיף גַשְׁמִיוּת, רֶעד מִיט דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת אוֹיף אִידִישׁ, דָאס וֶועט אוֹיפְבּוֹיעֶן דַיין אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין בְּמֶשֶׁךְ הַיָּמִים צוּ אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, דַיין דַּעַת וֶועט וֶוערְן שְׁטַארְק גֶעבּוֹיט, בִּיז עֶס וֶועט זַיין בַּיי דִיר אַ בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אַלֶע דַיינֶע גָלוּת'ן.

מֶען דַארְף אָבֶּער אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אִין אָנְהֵייבּ וֶועט דִיר זַיין שְׁוֶוער דִי עֲבוֹדָה, וַוייל וִוילַאנְג דִי אֱמוּנָה אִיז נָאכְנִישְׁט קְלָאר אוּן לוֹיטֶער – הָאט מֶען נִישְׁט דִי גֶעפִיל פַאר תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מֶען הֵייבְּט אָן דַאוֶוענֶען, מֶען הֵייבְּט אָן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן מֶען וֶוערְט מִיד, מֶען הֵייבְּט אָן גֶענֶעצְן, בִּיז מֶען לָאזְט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, אוּן וַוייל מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי דִי תְּפִלּוֹת וֶוערְן נִתְקַבֵּל, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי מֶען הֶערְט מִיךְ אוֹיס וְכוּ', וַוייל פוּן אַסַאךְ זִינְדִיגְן, פוּן טוּן עֲבֵירוֹת – וֶוערְט "עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עַיְנִין" (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, דַף רנב.), עֶס וֶוערְן וָואלְקֶענֶעס וָואס פַארְדֶעקְן דִי אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַז מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת, מֶען הַאלְט אָן דִי עֲבוֹדָה טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער – אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, בִּיז כְּאִילוּ נִבְנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו.

(קוּנְטְרֵס בֵּין הַמְּצָרִים)

# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי׳ן (רנג)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּערְגֶער מִיטְ׳ן אָרֶעמַאן**

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אִין בֶּעט נָאכְ׳ן עֶנְדִיגְן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען נָאךְ גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְּן אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אִיבֶּער דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס אִיז אַ תִּיקוּן פַאר מִקְרֶה לַיְלָה, וָואס עֶר הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן מְגַלֶה צוּ זַיין נָאךְ אִין יָאר תקס״ה (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן תקנ״ט). דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז מֶען זִיכֶער מַאכְן זִיךְ צוּ טוֹבְלְ׳ן אִין מִקְוֶה אִין יֶענֶעם טָאג, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה אִינְדֶערְפְרִי, זָאל מֶען זִיכֶער צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה אִינֶעם זֶעלְבְּן טָאג, אֲפִילוּ פַארְנַאכְטְס, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זִיךְ צוּ טוֹבְלְ׳ן נָאךְ אִין דֶעם זֶעלְבְּן טָאג דַוְקָא.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר זָאל נֶעמֶען אַ שְׁטִיקְל פַּאפִּיר מִיט אַ פֶּעדֶער אוּן טִינְט, אוּן עֶר הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן, ״דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים זֶענֶען קֶעגְן צֶען סָארְט נְגִינָה מִיט וָואס דֶער סֵפֶר תְּהִלִּים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן, וַוייל דִי צֶען סָארְט נְגִינָה הָאבְּן דִי כֹּחַ צוּ מְבַטֵל זַיין דִי קְלִיפָּה אוּן דֶער פְּגַם, אָבֶּער דִי צֶען סָארְט נְגִינָה זֶענֶען מְרוּמָז אוּן צֶען פְּסוּקִים״.

דֶער רֶבִּי הָאט פָארְגֶעזֶעצְט צוּ זָאגְן פַאר רֶבִּי נָתָן, ״שְׁרַייבּ אַרָאפּ אוֹיפְ׳ן פַּאפִּיר דִי פְּסוּקִים״, רֶבִּי נָתָן הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים פָארְגֶעזָאגְט דִי פְּסוּקִים אוּן עֶר הָאט עֶס אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְ׳ן פַּאפִּיר, וִוי מֶען קֶען זֶען אִינֶעוֵוייניג אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן (חֵלֶק ב׳, סִימָן צ״ב).

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל זָאגְן פוּנְקְטְלִיךְ וֶועלְכֶע צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים מֶען דַארְף זָאגְן אִין יֶענֶעם טָאג, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוַוארְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל עֶס זָאגְן, לְמַעֲשֶׂה אִיז אָבֶּער דִי שְׁמוּעֶס צֶעשְׁטֶערְט גֶעוָוארְן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט וֶועלְכֶע צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ מֶען זָאל זָאגְן (זֶע וַוייטֶער אִין סִימָן תתצ״ו).

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה
גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# אַ סִימָן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה׳ גֶעפָּאלְגְט וָואס אִיךְ הֶער בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין אַדוּרְכְגֶעגַאנְגֶען כִּמְעַט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּה, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט הוּנְדֶערְטֶער סִיוּמִים אוֹיף אַסַאךְ חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, בִּפְרַט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, נַ״ךְ, שַׁ״ס, תּוֹסֶפְתָּא, תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, מִדְרָשׁ רַבָּה, מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, סִפְרֵי רַבֵּינוּ, תִּיקוּנֵי זוֹהַר, אַ גְרוֹיס חֵלֶק יְרוּשַׁלְמִי אוּן אַ גְרוֹיס חֵלֶק רַמְבַּ״ם אוּן זוֹהַר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, סִפְרֵי חֲסִידוּת, סִפְרֵי שׁוּ״ת וְעוֹד, אוֹיסֶערְדֶעם בִּין אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, אוּן אִיךְ זָאג תְּהִילִים יֶעדְן טָאג. אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פַאר דִי לִימוּדִים וָואס בַּאגְלֵייטְן מִיךְ כְּסֵדֶר, אֲפִילוּ יֶעצְט וֶוען אִיךְ אַרְבֶּעט יֶעדְן טָאג שְׁוֶוער פְּרוּבִיר אִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי שִׁיעוּרִים קְבוּעִים, בִּפְרַט אִין דִי לַאנְגֶע שַׁבָּת נָאכְמִיטָאגְס וָואס נָאכְ׳ן שְׁלָאפְן אַ שָׁעָה צְוֵויי כַאפּ אִיךְ מִיךְ צוּ צוּ דִי שִׁיעוּרִים וִוי אַ הוּנְגֶערִיגֶער, אוּן אִיךְ לֶערְן שָׁעוֹת בִּיז מְ׳דַארְף שׁוֹין לוֹיפְן צוּ מִנְחָה, סְ׳אִיז אַזוֹי זִיס צוּ זִיצְן אוּן לֶערְנֶען שָׁעוֹת נָאכְאַנַאנְד אַלֶע חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, אַז מְ׳ווִיל עֶס מַמָּשׁ נִישְׁט אָפְּלָאזְן נָאר מְ׳מוּז שׁוֹין לוֹיפְן צוּ מִנְחָה...

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ זוּךְ אַ גוּטְן אַרְבֵּייטֶער אִין אָפִּיס, אוּן אֵיין טָאג בִּין אִיךְ גֶעזֶעסְן אִין אָפִּיס אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר צוּשִׁיקְן אֵיינֶעם וָואס אִיז גוּט פַאר מִיר, אוּן פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אֵיינֶער אַרַיין אִין אָפִּיס אוּן זָאגְט מִיר אַז עֶר זוּכְט דִי סָארְט אַרְבֶּעט. קֶען אִיךְ עֶס אָנְנֶעמֶען אַלְס אַ מֶעסֶעדְזְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז אַ גוּטֶער אַרְבֵּייטֶער פַאר מִיר?

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק אַז דֶעם רֶבִּינְ׳ס זֵיידֶע, רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ״ל, אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ גַאסְט הוֹיז אוּן זִיךְ גֶעוַואשְׁן צוּם עֶסְן אוּן פְּלוּצְלִינְג אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין קָאפּ דִי וֶוערְטֶער ״אַל תִּלְחַם אֶת לֶחֶם רַע עָיִן״ אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מַאכְן אַ הַמּוֹצִיא, בִּיז נָאכְדֶעם אִיז אִים אַרַיינְקוּמֶען דִי וֶוערְטֶער ״וְאֶת הָעֹרְבִים צִוִּיתִי לְכַלְכֶּלְךָ״ אוּן דַאן הָאט עֶר יָא גֶעגֶעסְן. ווִיל אִיךְ ווִיסְן צִי דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַז וָואס סְ׳קוּמְט אִים אַרַיין אִין דִי מַחְשָׁבָה נָאכְ׳ן מִתְפַּלֵל זַיין, קֶען עֶר אָנְנֶעמֶען אַז אַזוֹי ווִיל מֶען פוּן הִימְל?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶע דַיינֶע סְפֵיקוֹת זָאלְסְטוּ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ פְרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֶעלְפְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶר זָאל ווִיסְן וָואס צוּ טוּן. אֲפִילוּ מִיר פָּשׁוּטֶ׳ע מֶענְטְשְׁן וָואס מִיר זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר וַוייט וְכוּ׳ אוּן מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן פוֹגֵם גֶעוֶוען, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל עֶנְטְפֶערְן אוּן וַוייזְן אַ רֶמֶז וָואס צוּ טוּן וְכוּ׳ הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר וַוייזְט אוּנְז פוּנְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אִים עֶנְטְפֶערְן, פָּארְט פְּלוּצְלִינְג דוּרְךְ אַ פֶערְד אוּן וָואגְן אוּן פוּן דִי רַעַשׁ פוּן דִי רֶעדֶער הֶערְט עֶר: ״יָא, יָא, יָא״, אָדֶער: ״פָאר, פָאר, פָאר״, אָדֶער: ״גֵיי, גֵיי, גֵיי״, אַזוֹי וֵוייסְט עֶר וָואס צוּ טוּן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ מִיר פָּשׁוּטֶ׳ע מֶענְטְשְׁן, אוֹיבּ מִיר לֶעבְּן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת קֶענֶען מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען רְמָזִים פוּן יֶעדֶע זַאךְ אוּן ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

ווּאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו). וֶוער עֶס לֶערְנְט אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי׳ן - דֶער דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם רְאָיוֹת אוּן הוֹכָחוֹת אוֹיפְ׳ן דֶרֶךְ הַלִּימוּד, וַוייל אַז מֶען קוּקְט זִיךְ אַלֵיינְס אָן זֶעט מֶען וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן, מֶען אִיז זוֹכֶה בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ שְׁפַּאצִירְן אִין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

לֶערְן וַוייטֶער דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בִּיז דוּ וֶועסְט מְסַיֵים זַיין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כח): **״רָאוּי לָאָדָם, שֶׁיַּעֲבֹר וְיֵלֵךְ בְּזֶה הָעוֹלָם בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, וְלִלְמֹד**

<<<<<<

כֻּלָּם, כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה בְּכָל מָקוֹם", עֶס אִיז גוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ דוּרְךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדֶע סֵפֶר וָואס אִיז דָא, כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען זָאגְן אַז מֶען אִיז גֶעוֶוען אִין יֶעדְן פְּלַאץ, "כְּמוֹ שֶׁנִּמְצָא הַשָּׂרִים הַגְּדוֹלִים, שֶׁהוֹלְכִים וְעוֹבְרִים בַּמְּדִינוֹת וּמוֹצִיאִים הוֹצָאוֹת רַבּוֹת עַל זֶה כְּדֵי שֶׁיּוּכַל אַחַר כֵּן לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר שֶׁהָיָה בַּמְּדִינוֹת", אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים וָואס פָאְרן אַרוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן גֶעבְן אוֹיס אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, אַלֶעס נָאר כְּדֵי זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען נָאכְדֶעם בַּארִימֶען פַאר אַלֶעמֶען וואוּ זֵיי זֶענֶען אַלְץ גֶעוֶוען, "כְּמוֹ שֶׁדֶּרֶךְ הַשָּׂרִים לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר: 'הָיִיתִי בְּוַרְשָׁא' וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה", אַזוֹי וִוי דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין וַוארְשָׁא" אוּן נָאךְ, "כְּמוֹ כֵן רָאוּי שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה בְּכָל מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל הַתּוֹרָה, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהִתְפָּאֵר בָּעוֹלָם הַבָּא שֶׁהָיָה בְּכָל מָקוֹם, דְּהַיְנוּ בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים כַּנַּ"ל", דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט: "אִיךְ הָאבּ אַלֶעס גֶעלֶערְנְט, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִיבֶּעְרָאל"; "וּלֶעָתִיד, בָּעוֹלָם הַבָּא מַזְכִּירִין אוֹתוֹ כָּל מַה שֶּׁלָּמַד בָּעוֹלָם הַזֶּה", אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נִצָּבִים תשע"ט)

# אפדעיטס פון אומאן ראש השנה תשפ"ז מיט "נסיעה טרעוול"

אין א שמועס אויף די באקאנטע "ברסלב'ע ברידער" אפטיילונג אויף קול ברסלב, אנגעפירט דורך די חשובע ברידער הר"ר יואל און הר"ר אברהם הערש וועבערמאן, האבן זיי ארויפגעברענגט דעם טרעוול מומחה מאנשי שלומינו מו"ה אלי' קנאל, דער אייגנטומער פון די בארימטע "נסיעה טרעוול" אגענטור, איבערצוגעבן די לעצטע אינפארמאציע איבער דער בעפארשטייענדער נסיעה צום הייליגן רבי'ן קיין אומאן אויף ראש השנה תשפ"ז.

ר' אלי' דערציילט אז "נסיעה טרעוול" האט ארויסגעשטעלט 17 פארשידענע גרופ-רעזערוואציע אפציעס פאר'ן ציבור; די אפציעס נעמען אריין פארשידענע רוטס, אריינגערעכנט מאלדאווא, קראקא, ריישא, און נאך, כדי יעדער זאל קענען טרעפן דעם פאסיגסטן און באקוועמסטן וועג.

אויסער דעם דערציילט ער אז מען ארבעט יעצט אין גרויסן צוזאמענצושטעלן – אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן – א טשארטער פליגער ספעציעל פאר אנשי שלומינו. דער פלאן איז, זאגט ער, ארויסצופארן דינסטאג שפעט ביינאכט, כדי מען זאל קענען ארויספארן רואיג פונעם שטעטל נאכ'ן לייגן די קליינע קינדער שלאפן, און צוריקצוקומען מוצאי צום גדלי'. דער טשארטער וועט בעז"ה פליען דירעקט קיין פוילן (ריישא), און פון דארט וועט מען אי"ה פארן מיט א באן קיין אוקריינע. ר' אלי' האט אנגעמערקט אז מ'ארבעט נאך אויף די לעצטיגע פרטים, וויבאלד ער צילט עס צו מאכן וואס ביליגער, און ער האפט ארויסצוקומען מיט קלארע אינפארמאציע גאר בקרוב בס"ד.

מען קען זיך פארבינדן מיט נסיעה טרעוול פאר סיי וועלכע שאלות אדער צו מאכן רעזערוואציעס אויף 845-444-8785. אין א זייטיגע נאטיץ זאגט ער גוטע נייעס פאר די וואס האבן נישט דאס גאנצע געלט יעצט, אז זיי קענען באשטעלן א טיקעט מיט בלויז א דעפאזיט און עס אויסצאלן מיט פעימענטס ביז חמשה עשר באב.

ר' אלי' דערמאנט אז ער ערווארטעט אז פונקט ווי יעדעס יאר, וועלן אין די קומענדיגע צוויי חדשים כסדר ארומגיין שמועות אין די מידיא אז "מען וועט נישט קענען פארן" צוליב די מלחמה אדער אנדערע סיבות. אבער מען דארף זיך נישט דערשרעקן פון די אלע זאכן; מיר זענען שוין געוואוינט אז דאס געשעט יעדעס יאר. דאס זענען געווענליכע "מניעות" וואס דער סמ"ך מ"ם פרובירט אנצודרייען כדי אפצוהאלטן אידישע קינדער פון קומען צום רבי'ן, אבער בדרך הטבע זעט נישט אויס אז עפעס זאל זיך טוישן, און מען וועט בעזרת השם קענען געהעריג פארן.

צום שלוס איז זייער וויכטיג ארויסצוברענגען, אז כאטש "נסיעה טרעוול" שטעלט כסדר צו אינדיווידועלע טיקעטס אויסער די גרופ טיקעטס – וואס דאן זענען די אפציעס אומצאליג און מען קען צושטעלן פאר יעדן פונקטליך דאס בעסטע וואס ער זוכט – דארף מען גדענקען וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אלעמאל, אז עס איז וויכטיג צו פארן אינאיינעם מיט א גרופע פון ערליכע חברים, ווען מען פארט אינאיינעם איז מען מער אפגעהיטן, און די נסיעה איז מיט מער יראת שמים; מען דארף זיך שטארק היטן חס ושלום נישט צו פארן מיט לצים. דעריבער איז שטארק ראטזאם אז אפילו אויב מען רעזערווירט א "קאסטום" טיקעט, זאל מען זיך צוזאמענעמען עטליכע חברים און קויפן די טיקעטס אינאיינעם.


## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א

## סימן טוב ומזל טוב

**מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן**

**ראש ישיבה שליט"א**

**צו די שידוך שליסן למזל טוב פון זיין זון**

החתן **נחמן נתן רוטה** הי"ו

עב"ג בת מו"ה **אברהם**

**הערש וועבערמאן** הי"ו

**גבאי היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און תלמידים, דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת; דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בניברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **דוד טשינאגל** הי"ו קרית יואל
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **אברהם ראטטענבערג** הי"ו קרית יואל
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

## אן אוצר

**דו זוכסט דאס גליק, דו זוכסט דעם אוצר, זוכסט סיפוק און געשמאק אין דיין לעבן? דער אוצר ליגט ביי דיר!**

קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 2, 49**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >